**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/17/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 13.5 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן אין ראטשעסטער

***Zion Hill Senior Apartments* שטעלן צו 45 זיכערע, ענערגיע שפארזאמע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אין טראנספארטאציע-רייכע געגנט**

***אינוועסטירונג באגלייט די "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

***בילדער קען מען זעהן דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 13.5 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין דרום-מערב ראטשעסטער. Zion Hill Senior Apartments באשטייט פון 45 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן פאר משפחות פון 55 יאר און עלטער מיט זיבן אפארטמענטס אוועקגעלייגט פאר איינוואוינער אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס זיי צו העלפן לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"צוטריט צו זיכערע און שטיצנדע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן איז קריטיש צו העלפן עלטערע מענטשן בלייבן געזונט, אקטיוו און פארמישט אין זייערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "Zion Hill Senior Apartments שטעלט צו א באקוועמע און זיכערע אטמאספערע, און עס ערגענצט די טראנספארטאציע-אריענטירטע אויפלעבונג באמיאונגען אין ראטשעסטער. אזעלכע דעוועלאפמענטס וועלן אונז עמטליך העלפן צו אנקומען צו א גרינערע און מער גלייכע ניו יארק פאר די צוקונפט."

Zion Hill Senior Apartments איז טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייט-פארצווייגטע פלענער צו מאכן האוזינג ביליגער, גלייכער און מער סטאביל. היי יאר איז די סטעיט אויפן וועג צו עררייכן די ציהל פון איר יעצטיגע האוזינג פלאן פון בויען און אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן און האט שוין איבערגעשטיגן די ציהל פון בויען 6,000 יוניטס מיט שטיצנדע סערוויסעס. גאווערנער האקול בויט אויף אט דעם ערפאלגרייכן אונטערנעמונג מיט א פארשלאג פאר א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן וואס וועט בויען און אויפהאלטן נאך 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אין שטאטישע און ארויס-פון-שטאט געגנטער ארום גאנץ ניו יארק, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס. ווי אויסגעלייגט אין איר 2023 עקזעקיוטיוו בודזשעט, שטרייכט Zion Hill אויך אונטער די גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו ערמוטיגן די דעוועלאפמענט פון האוזינג פאר מערערע פאמיליעס נאענט צו פובליק טראנספארטאציע, אלעס כדי צו שטופן פאר צוגענגליכע פרייזן בשעת'ן רעדוצירן האוזינג אומזיכערהייט און טרייבן עקאנאמישע וואוקס. די מעגליכקייט זיך ארויפצורוקן דעם געזעלשאפטליכן און עקאנאמישן לייטער און די רעדוקציע פון שעדליכע גאז עמיסיעס זענען אויך הויפט באשטאנדטיילן פון איר פארשלאג.

די דעוועלאָפּמענט באַשטייט פון אן איינצלנע געביידע אין פאַרעם פון אן L ביי די ווינקל פון Dr. Samuel McCree און Wooden Street. מיט באַסעס אַריבערפאַרנדיג אַפּטערהייט לענגאויס מערערע באַס רוּטס, איז די פּלאַץ באַשטימט געוואָרן אַלץ א "טראַנספּאָרטאַציע-שטיצנדע אַריבערגאַנג" דורך ראָטשעסטער סיטי, און עס איז אנגעצייכנט געוואָרן אַלץ א ציהל פאַר סטראַטעגישע דעוועלאָפּמענט.

אַלע 45 אַפּאַרטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאַר משפחות וועלכע פאַרדינען 50 פּראָצענט אָדער ווייניגער פון די אָרטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income). זיבן פאַמיליעס וועלן האָבן צוטריט צו אויפן-אָרטיגע שטיצנדע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך Rochester Management, Inc.

די געביידע קומט מיט פילע אריינגבויטע זיכערהייט פּיטשעוועס, אריינרעכענענדיג טעפּעכער און האַנט אַנלאַנער (רעילס) אין הויפּט קאָרידאָרן, און שטאַנגען זיך אנצוכאַפּן אין יעדע אַפּאַרטמענט צו רעדוצירן די געפאַר פון פאַלן. יעדע אַפּאַרטמענט קומט אויך מיט אן עמערדזשענסי הילף קאָמיוניקאַציע סיסטעם. עס זענען דאָ פינף פולשטענדיג צוגעפּאַסטע אַפּאַרטמענטס גרייט זיך אריינצוציהען פאַר טענאַנטס וועלכע האָבן שוועריגקייטן זיך צו באַוועגן און צוויי פולשטענדיג צוגעפּאַסטע אַפּאַרטמענטס גרייט זיך אריינצוציהען פאַר טענאַנטס מיט שוועריגקייטן מיטן הערן אָדער זעהן.

Zion Hill Senior Apartments שטאַלצירט מיט ענערגיע-שפּאָרזאַמע איינריכטונגען, ווי צום ביישפּיל LED באַלייכטונג, Energy Star סטאַנדאַרט מעבל און גאָר ווירקזאַמע הייצונג און קילונג סיסטעמען. היימליכע איינריכטונגען רעכענען אריין א צימער צו וואַשן וועש, א קאָמיוניטי צימער מיט א קיך, א דזשים און א גאָרטן אויפן דאַך. יעדע אַפּאַרטמענט האָט א באַלקאָן אָדער גאָרטן און ברייטע פּלאַץ פאַר סטאָרעדזש.

די דעוועלאָפּמענט טיעם איז א געמיינזאַמע אונטערנעמונג צווישן Zion Hill Missionary Baptist Church און Rochester Management, Inc.

סטעיט פינאַנצירונג פאַר Zion Hill Senior Apartments רעכנט אריין פעדעראַלע נידריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע האָבן אויפגעטריבן 8.8 מיליאָן דאָלאַר אין עקוויטי און 3.5 מיליאָן דאָלאַר אין סאַבסידי פון די ניו יאָרק סטעיט היימער און קאָמיוניטי באַנייאונג ( Homes and Community Renewal, HCR). די ניו יאָרק סטעיט ענערגיע פאָרשונג און אַנטוויקלונג אויטאָריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) וועט געבן $45,000 אין שטיצע. נאָך פינאַנצירונג איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך ראָטשעסטער סיטי און דורך די פעדעראַלע האָום לאָון באַנק (Federal Home Loan Bank). די ראָטשעסטער האָוזינג אויטאָריטעט (Rochester Housing Authority) שטעלט צו 8 פּראָיעקט-באַזירטע האָוזינג טשויס וואַוטשערס (Housing Choice Vouchers).

**HCR קאָמישאַנער רוט-ען וויסנאָסקעס האָט געזאָגט,** "עס קומט זיך פאַר אַלע ניו יאָרקער די מעגליכקייט זיך צו פאַרעלטערן אינדערהיים מיט זיכערע היימער וועלכע זיי קענען זיך ערלויבן אין די קאָמיוניטיס וואָס זיי האָבן ליב. Zion Hill וועט פאַרזאָרגן דעם וויכטיגן געגנט מיט קלוג-אויסגעפּלאַנירטע אַפּאַרטמענטס מיט ענערגיע שפּאָרזאַמע איינריכטונגען אין א באַקוועמע טראַנספּאָרטאַציע-אָריענטירטע לאָקאַציע. מיר זענען דאַנקבאַר פאַר אונזער שותפות מיט ראָטשעסטער'ס רעליגיעזע קאָמיוניטי, אריינרעכענענדיג Zion Hill Missionary Baptist Church און Rochester Management, Inc, וועלכע טיילן מיט אונזער איבערגעגעבנקייט צו מאַכן די סיטי פאַר נאָך א בעסערע פּלאַץ וואו צו וואוינען."

**דאַרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "מיט Zion Hill Senior Apartments'ס חנוכת הבית האבן ראטשעסטער'ס שוואכערע עלטערע מענטשן יעצט מער צוטריט צו שטיצנדע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן וואס איז נישט נאר זיכער און באקוועם נאר קאנצעטרירט זיך אויף אויף ענערגיע שפארזאמקייט. NYSERDA און די סטעיט זענען איבערגעגעבן צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס בשעת'ן זיכער מאכן אין דעם זעלבן צייט אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון דעם אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אזוי ווי מיר שטופן פאראויס גאווערנער האקול'ס ציהל צו ערגרייכן צוויי מיליאן קלימאט פריינטליכע היימער ביז 2030."

**CEO און פרעזידענט פון Rochester Management, Inc, פעגי דדש. היל, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו קענען ברענגען די גאר נויטיגע מאדערנע, הערליכע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן צו די עלטערע מענטשן אין ראטשעסטער סיטי און צושטעלן היימער וועלכע וועלן נאכקומען זייערע באדערפענישן אזוי ווי זיי פארעלטערן זיך אינדערהיים."

**געהערטער דר. ריטשארד דאגלעס פון Zion Hill Missionary Baptist Church האט געזאגט,** "Zion Hill איז א קירכע וואס איז איבערגעגעבן צו גייסטישע פארשטערקערונג און צו אויפהייבן די קאמיוניטי."

**סענאטאר דזשערמי קוני האט געזאגט,** "די צוזאמענארבעט און אינוועסטירונג אדרעסירט א קריטישע נויט פאר שטיצנדע האוזיג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר עלטערע מענטשן אין אונזער קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר פאר די שותפות צווישן NYS היימער און קאמיוניטי באנייאונג, Zion Hill Missionary Baptist Church, און Rochester Management, Inc פארן זיך קאנצעטרירן אויף די באדערפענישן פון א שוואכערע באפעלקערונג אין אונזער ראיאן. איך קוק ארויס צו זעהן ניו יארק סטעיט'ס ווייטערדיגע איבערגעגעבנקייט צו אונזערע עלטערע מענטשן, פאר די צוקונפטיגע אנטוויקלונג פון דעם "טראנספארטאציע-שטיצנדע אריבערגאנג".

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעלאָו האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אונזערע עלטערע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן וואס ערפילן זייערע באדערפענישן צו לעבן געזונטע און זעלבסטשטענדיגע לעבנס. אזעלכע פראיעקטן זענען א הויפט טייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס איבערגעגעבנקייט פאר בעסערע אינפראסטראקטור פאר אלעמען. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול, מעיאר מאליק עוואנס, Zion Hill Missionary Baptist Church און Rochester Management, Inc פארן מאכן די גאר נויטיגע האוזינג דעוועלאפמענט פראיעקט פאר א רעאליטעט."

**מעיאר מאליק עוואנס האט געזאגט,** "די Zion Hill Senior Apartments זענען א סימבאל פון פארשריט פאר אונזער סיטי. די פארענדיגונג פון די אפארטמענטס העלפן אנפילן א קריטישע שפאלט אין די נויט פון אונזער קאמיוניטי פאר האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן און א הויכע קוואליטעט, און עס זעצט פאר די אויבפלעבונג פון די 'אקס'ס קאפ' (Bull's Head) געגנט. איך בין דאנקבאר פאר אונזער סיטי'ס אנגייענדע שותפות מיט אונזערע לאקאלע פירער און קאמיוניטי'ס פארמישטע פארטייען צו פארזעצן אונזער געיעג נאך האוזינג גלייכקייט פאר יעדן."

**פארשנעלערן פינגער לעיקס פאראויס**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוהט דער ראיאן פארשנעלערן דער ״פינגער לעיקס פאָרווערד״ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך

די אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט אינצענטיוויזירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע קען מען זעהן דא.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov



זיך ארויסשרייבן